NAJER FOLKSBLAT
Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

פרייז 30 גראָשען

...2 זייטען

# ...ער פאָלקסבלאַט

№ 249 | Łódź, Piątek, 30 października 1936 | אדרעס: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 224-71 Adres Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. Skrz. poczt. 1.06 | לאָדז, פרייטאָג, פ' ווירא י"ד מרחשון תרצ"ז

# ...וף פון פרעזידענט ווייצמאַן

## צו דער ציוניסטישער יוגענד אין פוילען

## ...ב דער גרויסער פאָלקס=אַקציע פון דער יוגענד פאַר ארץ=ישראל

ה' לייב יפה, וועלכער פיהרט אָן מיט דער פאָלקס - אַקציע פון דער יוגענד פאַר'ן מפעל הבצרון, האָט בעקומען פון פרעזי-דענט ווייצמאַן די פאָלגענדע טעלעגראַם:

...יך האָב אויפגענומען מיט פרייד און שטאָלץ ...ידיעה, אז די ציוניסטישע יוגענד אין פוילען ...ט זיך געשטעלט ווי איין מענש אין דינסט פון דעם מפעל הבצרון. די דאָזיגע אַקציע איז איצט דער הויפּט - אינסטרומענט פונ'ם יידישן פאָלק אויף צו העלפן דער יידישער יוגענד אין ארץ-ישראל, וועלכע שטעהט מיט מסירות-נפש, אי-בערמענשליכער מיה און זעלבסטבעהערשונג אויף דער וואך פון אונזערע פּאָזיציעס אין לאַנד און קעמפט פאַר זייער פערפעסטיגונג און אויס-בּרייטערונג, היטענדיג די אייביגע האָפענונג פונ'ם יודישען פאָלק.

די אַרבייט פון דער ציוניסטישער יוגענד פאַר'ן מפעל הבצרון עפענט אויף ברייטע האָריזאָנטען פאַר דער קאָנסאָלידירונג פון דער יודישער יוגענד אַרום דעם אויפבוי פון אונזער צוקונפט, דער צו-קונפט פונ'ם פאָלק און לאַנד.

**ווייצמאַן.**

פוילישע יודען!

א זלאָטי פון קאָפּ וועט פון אייך געפאָדערט.

אָבער גיט לויט אייערע מעג-ליכקייטען,

דער פערמעגליכער מוז געבען פיל מעהר.

אייערע קינדער אין ארץ-ישראל ברענגען אַנ'אָפּפער פון בלוט און שווייס,

העלפט זיי כאָטש מיט אַנ-אָפּפער פון געלד.

...ישע יוגענד גרייט זיך!

...טאָג איז דיין טאָג —

...גרויסע פאָלקס - אַקציע פון ...ר יוגענד פאַרן „מפעל ...צרון"!

...יישע עלטערן,

...ערע קינדער קומען צו ...ך.

...ענט פאַר זיי ברייט די ...רען —

...פענט פאַר זיי אייערע ...רצער!

...פאָלקס - אַקציע פון „מפעל ...צרון" מוז אַרומנעמען דאָס ...נצע פאָלק, אָרים און רייך, ...ט און יונג.

...נער טאָר נישט פעהלען!




# צו אונזערע עלטערן!

מיר ווענדען זיך צו אייך, צו אונזערע עלטערן, צו ...נזערע טאַטעס און מאַמעס. מיר האָבען נישט זוכה גע-...ען צו זיין איצט אין ארץ - ישראל, צו שטעהן מיט אונ-...רע ברידער און שוועסטער אויף דער וואך פון אונזער ...אַנד, פון אונזער צוקונפט. אָבער מיט וואָס מיר קאָנען ...ילען מיר העלפען אונזערע ברידער אין ארץ - ישראל, ...עלכע קעמפען דאָרט פאַר אונזער לעבען און בעפריי-...ונג, פאַר אונזער מעגליכקייט עולה צו זיין קיין ארץ-...שראל. א דאַנק זייער מיה און אָפּפער אָטעמען מיר אויך ...א פרייער מיט א געפיהל פון האָפענונג און שטאָלץ, בע-...נ'אַהלט מיט דער שעהנקייט פון אונזער אויפלעבונג, פון ...זער וועק אין ארץ-ישראל.

מיר, אייערע קינדער, וועלען ווכטאָג קומען צו אייך. מיר וועלען אייך אויפפאָדערען איהר זאָלט אונז העלפען בעשי-צען דעם ישוב, פערטיידיגען די פּאָזיציעס אין ארץ-ישראל, אויפבויען נייע, פערגרעסערען די אויפנאַהמס - פעהיגקייט פונ'ם לאַנד און שאַפען מעגליכקייטען פאַר א פערגרע-סערטע עליה. עס האַנדעלט זיך וועגען קאַמף פאַר אונזער לאַנד, פאַר אונזער היים. און דאָס איז אַנ'ענין נישט בלויז פאַר'ן פאָלק, נאָר אויך פאַר אייך אַליין. פאַר אייערע זיהן און טעכטער. אויב איהר ווילט נישט, אז אייערע קינדער זאָלען הערען שוואַך און אָפּהענגיג, אז זיי זאָלען ווערען אָפּגעריסען פון אייך און פון אייגענעם פאָלק, דאַן מוזט איהר העלפען

און העלפען זאָלט איהר מיט א ברייטער האַנד און מיט אַנ'אָפענעם האַרץ. וואָרום עס האַנדעלט זיך נישט וועגען קליינינקייטען. מיט אייער הילף העלפט איהר דעם ישוב אין זיין הערוישען קאַמף. איהר העלפט אייערע קינדער, וואָס האָבען שוין די זכיה צו זיין אין לאַנד און קעמפען פאַר'ן פאָלק און פרייהייט און איהר העלפט אויך אייערע קינדער, וואָס לעבען הערווייל דאָ און שטרעבען און רייסען זיך צו א פרייען און שטאָלצען לעבען.

**פעראייניגטער צענטראַלער קאָמיטעט**
**פון דער ציוניסטישער יוגענד אין פוילען**

## קורצער פרייטאג און שבת הגדול



שבת הגדול: אין זאג אייך, פאניע קורצער פרייטאג, אז די שחיטה - גזירה, וועט ברענגען א מבול אויף דער וועלט.

קורצער פרייטאג: פון וואנען נעהמט איהר דאס?

שבת הגדול: ווייל ביים מבול שטעהט דאך „קץ כל בשר".

## ער האט איהר דערלאנגט
### שמועס ביי א „פול טשארני"

— דו הערסט, פעליקס, מיין ווייבעל האט זיך נעכטען אזוי שטארק גענודעט, זי איז מיר אזוי דערגאנגען די יאהרען, אז כ'האב שוין נישט געקענט מעהר אויסהאלטען און האב איהר דערלאנגט...

— וואס? אזוי האסטו געטון?? פארך אייגער, ווי האסטו געוואגט געגען דיין פרוי אויפצוהויבען א האנד?

— א דיאט! כ'האב איהר דערלאנגט... א הונדערטער זלאט אויף א סאמעטען קלייד.

## אפילו נאכן טויט
### טרעט זי אויף איהם

צוריקגעהענדיג פון בית־עולם, וואו דער אלטער בעריל מלמד האט ערשט בעגראבען זיין ארורה צעקומט ער אין די אלעען מיט א דראנג אין קאפ. בלייבט ער שטעהן א צעטומעלטער און זאגט:

— וואונדערבאר: איך ערשט בעגראבען מיין זלאטען און שוין איז זי אין הימעל!...

א. איטקין

## אין תפיסה

אין איין קאמער זיצען צוויי ארעסטאנטען, פרעגט איינער:

— דו, העניעק, פארוואס זיצט דו?

— פאר א שלעסעל ביי א קעלער.

— וואס איז געווען אין קעלער?

— אין קעלער איז געווען זילגאטש, נאר איבער דעם קעלער איז געווען א באנק.

## דער שוסטער און זיינע קליענטען

מ'האט געפרעגט א היגען שוך־סוחר, פארוואס ער האט ליקווידירט דאס געשעפט, האט ער געענטפערט:

— „כ'האב נישט געקענט דאגאדושען די קליענטען, האב איך געמאכט שיך אויף זייערע פיס, זענען זיי נישט געווען לויט זייער געשמאק, האב איך געמאכט לויט זייער געשמאק, זענען זיי נישט געווען פאר זייערע פיס.

## צווישען קויהלען־סוחרים

אויף א פערזאמלונג פון קויהלען־סוחרים, האט איינער פון די רעדנער געזאגט:

— „חברים, איך האב געלייענט אין א צייטונג אן ארטיקעל, שרייבט דער מחבר, אז די זון וועט נאך וואַ־עמען איגנאנצען 150 מיליאן יאהר, ס'וואלט דערום געווען א פלאן, מ'זאל בעצייטענס העכערען די פרייזען פון קויהלען".

## עס ברענט!
### דער מאן מיט א ווייטען בליק

בעל־דבר (צום בעל־חוב'ס פרוי): אין אייער מאן אין דער היים?

פרוי: ליידער, מיין מאן איז נישטא.

בעל־דבר: אויב אזוי, טא טעלעפאנירט שוין נאך די סטראזש.

פרוי: סטראזש? צי וואס??

בעל־דבר: אין דער שאנק האט אויסגעבראכען א שרפה, פון אונטער דער טיר געהט א רויך... פון א פאפיראס.

## פיש און ווייבער
### פיש זענען עהנליך צו פרויען

פיש איז אן ארטיקעל פון ערשטען געברויך, ביידע זענען גוט, ווען זיי זענען יונג און פריש: דער חילוק איז נאר, וואס אלטע פיש ווארפט מען ארויס, און פון אן אלט ווייב קען מען נישט פטור ווערען.

א. איטקין

## נישט מעגלעך

דער היגער גביר ב. איז א גרויסער קמצן, אפילו שערען, לאזט ער זיך איינמאל אין יאהר. די טאג געהט ער אריין צו א פריזיער, פרעגט ער דעם פריזיער־געזעלען:

— איהר האט מיך געשוירען דעם לעצטען מאל?

— אויסגעשלאסען, איך בין אין לאדז ערשט צוויי יאהר — האט דער פריזיער געענטפערט.

## לאטעריע און ירושה

לאטעריע - שפיל מיט ירושה זענען גלייך:

דער חילוק איז נאר, וואס צו א ירושה מוז מען בעטראכטען א רייכען טאטען און ביי לאטעריע בעגראבט מען די פאר זלאטעס.

א. איטקין

## אוי, די ראדיאס!

ערשטער שכן: ר' נטע, אפשר וואלט איהר מיר געקענט בארגען דעם ראדיא?

צווייטער: איהר ווילט הערען א קאנצערט?

ערשטער: ניין, ס'איז 12 ביינאכט, און איך חלש שלאפען.

## א מחותן, נישט קיין יאלד

חתן־בחור (צום מחותן): איהר זאלט וויסען, אז איך בין אין אייער טאכטער פערליבט איבער די אויערען, איך שעץ אייער סאלטשע זעהר הויך.

מחותן: יא, אבער מעהר ווי אויף צעהן טויזענד זלאטעס, דארפט איהר זי נישט שעצען.

## 50 עפעל
### איז א בימעל צופיל

דאקטאר (צום חולה): פאניע גראסמאן, בראנפען איז פאר אייך סם. אנשטאט א גלעזעל בראנפען עסט בעסער אויף א עפעל.

קראנקער: פאניע דאקטארשע, ווי קען עס א מענשען אויפעסען 50 עפעל א טאג!

## פייטעל און טרייטעל



פייטעל: וואס וועט דער שווארצער סוף זיין מיט די ענדעקישע סטודענטען? זיי וועלען כסדר שלאגען די יודישע סטודענטען?

טרייטעל: זיי קלאפען די יודישע סטודענטען די „תורה" אין קאפ אריין.

א. איטקין

## צו וואס?

אין דער ראבינאט־קאנצעלאריע פאלט אריין א יוד אהן אטעם, און ארויסנעמענדיג א פאטאגראפיע, זאגט ער צום סעקרעטאר:

— יודען, מיין יודענע איז מיר אוועקגעקומען, האט רחמנות, און העלפט מיר זי אויסגעפונען.

דער סעקרעטאר נעמט די פאטאגראפיע, און בעטראכטענדיג זי א לענגערע צייט, זאגט ער צום יוד:

— צו וואס?

## די מפלה פון א לאדזער פאצעט
### פאוואדזעניע פון א חסידיש ווייבעל

אין וואגאן זיצט א בחור, געגענאיבער זיצט א יונגע שעהנע בלאנדינקע, דער בחור שיט מיט קאמפלימענטען, און צום סוף זאגט ער:

— איך בין גרייט צו געבען 100 זלאטעס פאר איין לאק פון אייערע בלאנדינע האהר.

— און וויפיל וועט איהר געבען פאר'ן גאנצען שייטעל? — האט זי געפרעגט.

## א „בילדישע" יודענע

אין דער פאטאגראפיע־אנשטאלט „פאלאניא", קומט אריין א יוד, פרעגט ער דעם אייגענטימער:

— פאניע גוטערמאן, כ'וויל לאזען פאטאגראפירען מיין יודענע, וועט זי ארויסקומען עהנליך?

— ווי לעבעדיג — האט געענטפערט דער פאטאגראפיסט.

— אויב אזוי, טויג עס נישט — האט דער יוד געענטפערט, און איז אוועק.

## דער קליינער „ספארטלער"

פאטער (צו זיין 8-יאהריגען משה'לע): משה'לע, וואס איז דער טייטש „עין תחת עין, שן תחת שן"?

משה'לע: געבוי דעם טייטש ווייס איך נישט, כ'פערשטעה נאר, אז דעמאלס זענען שוין געווען באקס - מעטשען.

---

## מעלדונג

צוליב דעם קאמף מיטן יקרות אויף ארטיקלען פון ערשטען געברויך, מעלדען מיר די געעהרטע קונדשאפט, אז ביי אונז איז שוין צו בעקומען

## צענגיקעס

מיט די נעניסטע פרייזען, פאר ציהען דעם פאסעק וועט מען שטרענג בעשטראפט ווערען.

פעראיין „הכנסת כלה" אין לאדז

# דער קונדס

הומאר ● סאטירע ●

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק ●

ביילאגע צום „נייעם פאלקסבלאט" נומער 249 — פרייטאג, דעם 30 אקטאבער 1936

## די „גליקליכע" שטאט לאדז!...



יוד אונטן): פעטער, וואס קריכט איהר אויף די דעכער? נישט איהר זענט א יוד, סטודענט, נישט לאדז האט אן אוניווערזיטעט — טא וואס האט איהר מורא?...

